# Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

11

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 11

דער פרישטיק איז געגאנגען לעבעדיק און ראשיק,
באלאגערט זייַנען טישן — ס׳קאָן א נאָדל ניט אדורכ;
נאָר עפּעס האָט פארדעכטיק אויסגעזען די קאשע,
נאָר עפּעס איז טרובאען ניט געפעלן דער גערוכ.

איז ער דאָרט מיטן טעלער צוגעגאנגען צום קעכער
און אים אונטער דער נאָז א טיטש געטאָן די שפּייַז:
— הער, — האָבן די נעזולעכער טרובאען זיכ צעפעכערט, —
דו ווייסט אין ווענעס קאשע, ברודערל, דו שפּייַסט?

אויב אופגעפרעסן ווילסטו דאָ ניט ווערן גלייַכ פון איר,
איז — ערשטנס — נעם אראָפּ זי טייקעף פונעם טיש דאָרט!
און זאָלסט עס ניט ארויסגעבן מער, אָט דאָס געדיכט!
נ׳אריינגיין אין פארטקאָמ זאָלסטו מיר טייקעף נאָכן פרישטיק!

און איצט — דאָס מויל פארמאכ! גענוג! געהערט?
און איצטער — מער קיין וואָרט. ניט ריידן. ניט דערציילן.
מע קאָן דיכ דאָ באגראָבן אין דער קאשע, ווי אין דר׳ערד,
און אפ דיר אפילע ניט אוועקשטעלן קיין ציילעם! —

און ס׳איז טרובא אוועק נאָכ ערגעצ אופרופן א זיצונג,
אוועק איז ער, ווי שטענדיק, פריילעכ און פארטרויט;
ניט באדארפט, — געטראכט האָט ער, — פאר אלעמען זיכ היצן,
מיט אזוינעם רעדט מען אויג־אפ־אויג...

און ס׳האָט זיכ אווראָמ־הערשן פארגלוסט אימ טאָן א יאָג אָן,
ס׳האָט ווארעמקייט אפ באקן געטאָן בא אימ א בלי;
ער וואָלט איצטער געקאָנט אימ אָפשטעלן און זאָגן:
ס׳איז גוט, כאווער טרובא! ט׳אזעלכע האָט מען ליב!

און נאָכגעקלערט האָט ער: א יאט אזא געשמאק איז,
א צי זיכ צו אימ נענטער און נאָכגעמורמלט: פיין!
בא אזוינע פליען די פלאמיקסטע ריסאקעס —
אזוי זיכ, אָן א בייטש. א קיצל נאָר. א פייפ.

אזוינער וואָלט בא יעדן איינציקן געפויעלט,
אפילע אין געדאנק — ניט מאכן זאָל מען נאס זיכ;
ניט צורירן קיין בראָנפן אפ א ווערסט צום מויל,
ער זאָל אפילע גיסן זיכ אומזיסט איבער די גאסן.

אָט אזא קאָן פויעלן. אלץ. א יעדער זאכ.
די ביקס — מעהייכעטייסע! א וואכטע נאָכ — אוואדע!

נו, איז ער געגאנ נאָכ אימ — געגאנגענ אונ געטראכט:
אָט אזא, ווענ מ'האָט בא זיכ אינ דער בריגאדע!

ער זעט עס מיט די אויגנ מיט די אייגענע אָט ערשט,
ווי דעמ טאָג פאר זיכ ער זעט איצטער דעמ העלנ;
האָט ער אזא הוסט געגעבנ גלאָקיק, אווראָמ־הערש,
אונ דעמ וועג פארלאָפנ אונ דעמ גאנג פארשנעלערט.

געוואָלט האָט ער — טרובא זאָל אימ א צי טאָנ פארנ צונג,
געוואָלט האָט ער — טרובא זאָל אימ מיט עפעס וואָס פארטשעפענ;
עס גיט מיט יעדנ שפאנ דאָס הארצ בא אימ א צוק,
דאָס וואָרט וואָלט ער א וואָרפ געטאָנ אינ מויל אימ ווי אנ עפל.

— ווי גייט בא דיר די ארבעט? — גיט א פרעג דאָרטנ טרובא אימ, —
דערלאנגט אפ אימ א קוק, דאָס הארצ אימ א צעבויט,
אונ ס'גיט זיכ אווראָמ־הערש א קערווע אונ א קייַע:
— זי גייט... ווי אינ א בלאָטע אנ אָנגעשטאָפטע בויד...

אונ דאָכ גיט ער מיט גאדלעס א דערמאָנ דאָרט גלאט זיכ,
אונ סקריפ זיכ רייַסט פונ שטיוול, אז ס'זאָל הערנ ס'גאנצע לאנד;
ווענ ס'איז אפנ קאריער אריַינ א דעלעגאציע
אונ זי האָט אימ פאר זאָזעלענ די ראָגעזשע דערלאנגט,

האָט ער קיינ איינציק וואָרט קיינ איבעריקס ניט גערעדט דאָרט,
געשטאנענ איז ער גרויזאמ, ווי א לייב פונ אויבנאָנ;
— נעמט זי צו, — געשריַענ האָט ער, — קעפ וועל איכ צעפלעטנ!
לאָזט אָפ נאָכ א וואָכ, איז ברענג איכ אייַכ די פאָנ! —

נ׳צו זאָזלענ ט׳ער מיט ווערטער פאָשעט זיך געווענדט:
— פעגירע אָפּגעריסענע, נעווילע, קומ אהער שוינ,
אויב דו ווילסט, איז — לעב! אונ ווילסטו — ווער פארברענט!
נאָר זאָלסט מיר אינ א ראָגעזשע ניט אָנטאָנ אווראָמ־הערשנ!

ווײַל כ׳וועל דיר נאָך די ליפ די צווייטע אויך צעשפּאלטנ,
וועסט מײַלער בא מיר האָבנ פערצנ, זאָזל, הערסט? —
ער האָט אינ אימ א וואָרפ געטאָנ זײַנ אָפּגעפליקטנ פאלטע:
-- פארשרײַב עס אפנ פליך. דאָס זאָגט דיר אוראָמ־הערש! —

גענומענ ט׳ער די פאָנ מיט שווייס אונ האָרעוואניע,
די פארע ט׳ער געטריבנ פונ יעדנ אונ פונ זיך.
אונ איצטער איז ער רויק. ס׳איז אלצ בא אימ פאראנענ.
איז ענטפערט ער טרובאענ גאדלעסדיק אונ גיך:

— איר מיינט דאָך וואָס די פאָנ איז איצט אינ מײַנ בריגאדע?
דאָס הייסט נאָך ניט געארבעט. ס׳אפילע ניט קיינ ריר —
וועג איך וואָלט נאָר א כעוורע אנ עמעסע געהאט דאָ,
איז מאך איך אײַך דאָ יאָנטעוו מיט האלב יאָר פרי׳ר!

ער גיט א דריי די אויגנ. קאריערנ גלײַך דערנעבנ,
א שיקל אפ טרובאענ, א ווונק צו דעמ קאריער:
— כ׳האָב פאָשעט פײַנט א ראָגעזשע... אז קיינמאָל ניט אינ לעבנ
איז האָב איך מיט קיינ ראָגעזשעס ניט צוגעדעקט קיינ פערד!..

בא אנדערע — מאכטייסע! פונעמ גאנצנ הארצנ...
בא אנדערע — מיט קאָוועד — וויפל מע געברויכט;

לאָז זיי זי אונטערשפרייטן, אויב ס'איז ערגעץ הארט זיי...
אוורָאָם-הערש קאָן זיך נאָך אָנטאָן פון דער כופע עפּעס אויך! —

און ס'הייבט אף אים טרובא דאָס הייזעריקע קאָל אוף:
— נו, וואָס זשע, אוורָאָם-הערש!.. א שאָד עס איז... אף דיר,
געבליבן ביסטו נאָך אלץ דער אלטער באלעגאָלע,
כאָטש סאָציאליזם איז אצינד דײַן פאסאזשיר! —

אף צוריקוועגס ז'ער געגאנגען ווי דורך א וואלד פון יאָרן:
זײַן כופע... און די ראָגעזשע. די פאָן. טרובא. געיעג.
נאָר אויסגעקומען איז אים: — א וואָגן אָן רעסאָרן,
און עס איז א ביטערער, א בארגעדיקער וועג...

און ס'איז טרובא אוועק. אָט גייט ער בא דעם ברעג דאָרט,
אָט ווארפט ער אפּן וועג דאָס אָנטאָן זיך אראָפּ;
מיט אנקערס אלערליי א טאטויִרטער און געפלעקטער,
אָט גיט ער זיך א לאָז אונטערן וואסער מיטן קאָפּ.

און דרײַ מינוט איז שטיל. ס'איז דרײַ מינוט געפערלעך.
און אף דרײַסיק מעטער ווײַטער זיך באווײַזט
א שווימענדיקער קאָפּ, א בלישטשענדיקער מער נאָך,
און וועסלעס צוויי געלאָזטע — גלײַכמעסיק און דרייסט.

און ס'דאכט זיך, אז דעם דניעפּער מעסט ער אזוי אויס דאָרט,
יעדער לייג — א מעטער, יעדער לייג — א רינג;
ס'גייט פריילעך א געיעג פון מוסקולן געפויסטיקט,
זיי שפּרינגען אף זײַן קערפּער לײַכט אזוי און גרינג.

עס שטופּן צו אים כוואַליעס זיך, עס ברייטערן זיך קרײַזן,
נאָר ער הייבט אויף די הענט און גרונטעוועט דעם דנאָ;
און א שווענק די נאָזלעכער, אָרנטלעך און פּלײַסיק,
די האָר פאַרקעמט ער, נאַזנדיק, באַם וואַסער — און וואָס נאָך?

דערנאָך גיט זיך די זון א שפּיגל אין זײַן קערפּער,
דערנאָך גיט אַרום אים א וויקל זיך דער ווינט;
און דרײַ מאָל פּריש איז אים צו אַרבעט זיך א קער טאָן.
און פון טײַך זיך אויפהייבן — זיבן מאָל געשווינד!